# י"ב פסוקים

לע"נ הרה"ח
**ברוך שלום** בהרה"ח
**מיכאל יהודה אריה לייב**
**הכהן ע"ה כהן**
נלב"ע כ"ה מרחשון
ה'תשפ"ו.

"ישמח ישראל בעושיו פירוש שכל מי שהוא מזרע ישראל יש לו לשמוח בשמחת ה' אשר שש ושמח בדירתו בתחתונים"

ביסטו אמאל געווען ביי א חתונה? ביי א חתונה איז א גרויסער טייל דער טאנצן. אבער פארוואס טאנצן אלע? צי דען איז דאס זייערע שמחה? ס'איז דאך נאר די שמחה פון די חתן און כלה!

נאר וואס, אלע מיט-טאנצן מיט'ן חתן אדער כלה, ווייל זיי פילן א שייכות צו זיי און זיינען צופרידן מיט זיי.

אזוי איז עס אויך צווישן אידן און דער אויבערשטער. מען זאגט "ישמח ישראל בעושיו" - אידן זיינען צופרידן מיט זייער באשעפער, דער אויבערשטער, ווייל אידן זיינען "עם קרובו" - זיי זיינען נאנט צום אויבערשטן.

און ווען איז דער אויבערשטער צופרידן? ווען א איד טוט א מצוה, ווייל דורך דעם ווערט א דירה בתחתונים. און וויבאלד אז א איד איז נאנט צום אויבערשטן - איז ער אויך צופרידן מיט דעם.

און ער איז ניט צופרידן נאר צוליב דעם אז ער איז דער וואס מאכט די דירה בתחתונים. נאר ער איז צופרידן בעיקר פון דעם אז דער אויבערשטער איז צופרידן!



"כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא שנאמר ועמך כולם צדיקים לעולם יירשו ארץ נצר מטעי מעשה ידי להתפאר"

עס איז אמאל געווען איינער וואס האט געקלעטערט ("קליימד") אויף א בארג. עס איז פאר אים געווען זייער שווער און האט גענומען אסאך כחות. טעג און נעכט האט ער געקלעטערט, ביז ער איז אנגעקומען צום שפיץ פון בארג. דארט זעהט ער א קליין קינד וואס דרייט זיך ארום, און ער פרעגט אים: "ווי איז א קליין קינד ווי דיר אנגעקומען דא?!" האט דער קינד אים געענטפערט: "וואס הייסט, דא איז מיין פלאץ. איך בין געבארן געווארן דא!"

דער חלק וואס מ'באקומט אין עולם הבא איז די תוצאה פון דאס וואס מ'טוט אויף אין עולם הזה, און ס'איז א נצחיות'דיקער

זאך - מ'בלייבט מיט'ן חלק וואס מ'באקומט, און מ'קען דאס ניט בייטן. איז פארשטאנדיג אז מ'דארף זיך באווארענען יעצט אין עולם הזה, מאכן זיכער אז אונזער אויפפירונג איז ווי ס'דארף צו זיין.

און מ'דארף ניט קלעטערן קיין הויכע בערג צו דאס דערגרייכן. נאר יעדער איד הייסט "נצר מטעי מעשי ידי להתפאר" פון דעם אויבערשטן. דערפאר הייסט ער א צדיק און עולם הבא איז שייך צו אים.

**פארוואס זיינען מיר צופרידן ווען דער אויבערשטער איז צופרידן?**